# בימים ההם



## את העני עמך

מען דערציילט א מעשה וואס לא על עצמו יצא, נאר דער בכן - וואס מ'קען זיך פון דעם לערנען - קען דערהייבן דעם ענין פון פארשטיין וואס ס'הייסט אשרי משכיל אל דל.

ס'איז געווען א וואכענדיגער שיעור פאר בעלי בתים אין א געוויסע פריוואטע וואוינונג, הן דער לימוד התורה וואס האט דעהויבן די משתתפים, און הן דער כיבוד וואס מ'האט געגעבן נאך דעם שיעור, האט געברענגט אז די אידן זאלן קומען זיך דערווארמען אין א תורה אטמאספערע וואך נאך וואך.

דער איד ביי וועמען דער שיעור איז פארגעקומען איז געווען א ווארעמער צוגעלאזענער איד וואס האט גוט פארשטאנען וואס געוויסע איינזאמע מענטשן דארפן האבן, הן די תורה, הן דער קמח און הן דער ענין פון חברותא בבחינת ישלח דברו וירפאם, ווערטער וואס היילן, אבער ביי אים איז געווען א מנהג, וואס האט אויסגעזען עטוואס מאדנע, ווען ער האט מכבד געווען מיט טיי, האט ער דערלאנגט נאר א האלב גלאז פאר די משתתפים, און דערנאך איז ער צוריק געקומען און געפרעגט צי מ'וויל נאך, און ס'האט זיך איבערגעשפילט די זעלבע זאך, א האלב גלאז.

מאכט זיך אז דער איד האט נישט געקענט זיין א געוויסע וואך, האט ער ממנה געווען זיין זון אז ער זאל זיין דער מכניס אורח יענע וואך און האט אים אנגעזאגט, אז ווען ער גיט טיי, זאל ער נישט אנפילן אינגאנצן נאר ביז האלב, און דערנאך זאל ער צוריק קומען און נאך אמאל פרעגן ווער ס'וויל נאך, און ווייטער אזוי טוען. דער זון האט געפרעגט זיין פאטער, וואס איז דער באדייט פון די מאדנע זאך? זאגט זיין פאטער, וואס פארשטייסטו נישט? דארט איז דא צוויי עלטערע אידן, וואס זייערע הענט שאקלען זיך, און זיי ווילן אויך מסתמא טרינקען, ממילא כדי זיי זאלן נישט זיין אומבאקוועם אויב ס'וועט זיך אויסגיסן, גיב איך לכתחילה פאר אלעמען דאס זעלבע, נאר א האלב גלאז, און אויב זיי ווילן נאך, בסבר פנים יפות גיט מען נאך, אלא מאי, ס'קען זיך דוכטן פאר איינעם אז דאס איז א קארגשאפט, אבער מיין פליכט איז צופרידנשטעלן דעם דַל, דעם ארעמאן, ולאו דוקא אין נכסים קען א מענטש זיין אן ארעמאן, נאר אין אנדערע וועגן ר"ל וואס איז אפשר נאך ערגער. נאר וואס אנדערע וועלן טראכטן, נו, ס'איז געווען א נביא יחזקא' בן בוזי, און חז"ל זאגן אז בוזי מיינט שביזה עצמו על התורה, ס'איז כדאי דאס צו טוען, אבי ברענגען א הרוחה צו א צווייטן, אזוי פשוט און אזוי אמת, ואין הצדקה משתלמות אלא לפי חסד שבה.

דער עני עמך מיינט, טראכט ווען מ'טוט פאר א צווייטן זאל מען גוט באנעמען דעם מצב, און טוען נישט נאר מיט אייגענע נכסים פאר יענעם נאר מיט'ן אייגענעם כבוד אוועקגעבן, אבי יענער זאל נאר זיין אין א דערהויבענעם מצב. די וועלט שטייט אויף אזא איינעם וואס איז שומע חרפתם ואינם משיבים, און ווי א איד א בעל מדרגה האט געזאגט, אז בושה איז אזוי גרויס, אז מ'וואלט געדארפט גייען אין וואסער פאר מ'באקומט אזא שיפלות, נאר בדרך כלל קומט דאס אומגעראכטן!

מלכות בית דוד קומט ארויס פון דעם הודה ולא בוש, ווען יהודא האט געזאגט צדקה ממני. ראשונים לערנען פשט, אז אין יענער צייט איז געווען אן ענין פון יבום וואס איז געווען ביי אלע קרובים נישט נאר א שוואגער, און איינער וואס האט נישט געלאזט דורות האט א קרוב סיי ווער מיבם געווען, איז יהודא געווען א קרוב פאר ער ואונן, און לכתחילה ווען מ'האט נישט געוואוסט, איז געווען א חיוב פון הוציאוה וכו', אבער ווען ער איז געקומען און געזאגט אז ער איז דער מיבם, איז אלעס געווען אין ארדענונג. וכן ווען תמר האט נישט געוואלט פארשעמען יהודא, לערנען ארויס חז"ל, מוטב אז דער מענטש זאל טוען די הארבסטע אבי נישט פארשעמען א צווייטן, אבער מיט די מסירת נפש פון יהודה, דער צדקה ממנו, און דער ווילן ענדערש אריינגיין אין פייער פון תמר נישט צו פארשעמען א צווייטן, איז ארויסגעקומען מלכות בית דוד און תקון העולם בביאת הגואל. דאס מיינט מסירת נפש און דאס ברענגט גאולה.

דאס לערנט אונז די תורה, בפשוטי של מקרא, און נאך דערצו אז ווען חס ושלו' אויב א מענטש איז אריינגעפאלן אין א מצב שאין רוח חכמים נוחה הימנו, דארף ער וויסן אז זיין פליכט איז דאס זעלבע ווי אמאל, ער איז מחויב צו טוען אלע מצות ווי פריער, און מצות איז נישט אז ער זאל ווערן בדוקא אן אדם השלום, נאר בעטן דעם רבוש"ע, רוח נכון חדש בקרבי.

ס'האט דערציילט איינער אז ביי אים אין משפחה האט זיך איינער ליידער געגליטשט ר"ל, און זיינע עלטערן זענען געקומען צו הרה"ק מסאטמאר זי"ע. דער רבי האט יענעם געלאזט רופען, און ער איז געקומען. דער רבי האט אים נישט געזאגט קיין שום תוכחה, נאר אים געלאזט וויסן אז ער איז מחויב אין אלע חיובים וואס אלע אידן האבן, צי ער איז לעת עתה מיט די צורה נכונה אדער ליידער נישט, אבער ער מוז און ער קען אנגיין מיט א פולקאם אידיש לעבן.

דוד המלך ע"ה זאגט, זכור דבר לעבדך, ער דאנקט הקב"ה, אז אפילו מיט אלע שווערע דורכגאנגען, דאנקט ער און לויבט דעם קל עליון, אשר יחלתנו, אז ער גיט אים דעם כח צו האבן האפענונג, אז ער ווייסט אז כי לא ידח ממנו נידך, און מאי דהוי הוי, ומכאן ואילך לב טהר ברא לי אלוקים. די הבטחה פון ואתה תמשול בו באלד אין פרשת בראשית איז, אז דער מענטש האט א הימלישן כח ער זאל זיך דערהויבן און דערהויבן אנדערע, ווייל דער בורא איז דער רוצה בתשובה, דאס וויל ער, און צו זיין אן א.ג. שיינער איד בעיני עצמו אדער ביי אנדערע, פארנעמט נישט קיין ארט ביי אמת'ע ערליכע אידן, וואס ווייסן אז שכר מצוה איז מצוה, ווייטער צו טוען און זיין א גוטער זעלנער אין דעם רבוש"ע'ס ארמיי, ולה' הישועה.

# גרויסער ציבור ערוווארט צום סעודת הילולא של כ"ק אדמו"ר מליסקא זצ"ל

## וועט פארקומען אין ביהמ"ד עטרת צבי מליסקא אויף 50'סטע סטריט אין בארא פארק

קומענדיגן דינסטאג, כ"ט שבט, געפאלט דער 47'סטער יארצייט פון דעם פריערדיגן ליסקער רבי'ן, כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי יוזפא פריעדלאנדער זצ"ל, דער ממשיך שושלת הקודש לבית ליסקא נאך די מלחמה, וועלכער איז פריצייטיג נסתלק געווארן אין עלטער פון 52 יאר, בשנת תשל"א, ומנו"כ בהר המנוחות.

דער רבי זצ"ל לאיז געווען בנו וממשיך דרכו של כ"ק אדמו"ר הגה"ק רבי צבי הירש זצוק"ל הי"ד בעל שערי הישר, בנו ומ"מ של הגה"ק בעל טל חיים זצוק"ל, חתנו וממשיך דרכו של מרן הגה"ק בעל אך פרי תבואה זי"ע.

נאך די מלחמה איז דער רבי זצ"ל געבליבן דער יורש עצר וממשיך השושלת לבית אבותיו הק', און ארויסקומענדיג קיין ניו יארק האט דער רבי זיך באלד באזעצט אין בארא פארק, וואו ער איז געווען פון די ערשטע רבנים ואדמורי"ם וועלכע האבן אריינגעברענגט א היימישן גייסט אין די שטאט, דורך שאפן זיין ביהמ"ד - וואס שטייט אויפ'ן זעלבן ארט זינט שנת תש"ז.

במקום הזה, אינעם ליסקער ביהמ"ד, האט דער רבי זצ"ל משפיע געווען מנועם אמרותיו, און האט מאציל געווען מתורתו ויראתו וממדותיו הנאצלות אויף פילצאליגע אידן, וואס האט געהאט א גרויסע השפעה צוריקצוברענגען אודים מוצלים מאש צו זייער אפשטאם, און האט פארזיכערט זייערע ווייטערע דורות נאמנים לה' ולתורתו.



צום באדויערן איז דער רועה נאמן לעדתו נסתלק געווארן במיטב שנותיו, לדאבון לב חסידיו ומעריציו. זינט דאן ווערט דער בית צדיקים נמשך דורך בנו הגדול ומ"מ כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי צבי הירש פריעדלאנדער שליט"א אבד"ק ליסקא, מגדולי גאוני הזמן, וואס פיל בני עלי' זענען משכימים לפתחו ליהנות מתורתו וחכמתו.

די סעודת הילולא וועט פארקומען מאנטאג נאכט, אום 7:30, אין ביהמ"ד עטרת צבי מליסקא אויף 1449 50'סטע סטריט, בראשות כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א ואחיו כ"ק אדמו"ר מהיבנוב שליט"א, ביי וועלכן מען וועט צוזאמען אויפברענגען זכרו הבהיר של האי גאון וצדיק, וואס כאטש ס'איז שוין פאראיבער אזויפיל יארן זינט זיין פטירה, ווערט ער נאך גדענקט מיט געגועי קודש דורך אזויפיל אידן.